בס"ד

לך לך תשפ"ז
גליון 302

# דעם רבינ'ס ליכט

אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זײַן וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

# אֵין דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ כְּאַבְרָהָם

די וואָך שְׁטֵייט אין די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה וועגְן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוּנְזֶער זֵיידֶע, ווי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פוּן אַלְס קְלֵיין אִינְגְל, ווען עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער עֶס הָאט בַּאשַׁאפְן די וֶועלְט. עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעוַואקְסְן מִיט קְרוּמֶע וועגְן, בַּיי זַיין טַאטְן תֶּרַח אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי אוֹיךְ אִין די גַאסְן הָאט מֶען גֶעשְׁטִימְט מִיט די דֵעָה פוּן נִמְרוֹד, דֶער גַאנְצֶער דוֹר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע דֵעוֹת, מְשׁוּגַעתְ'ן מִיט דִמְיוֹנוֹת, און אַלֶע סָארְטְן עֲבוֹדָה זָרָה'ס.

און אַבְרָהָם אַלְס קְלֵיין אִינְגְל פוּן דְרַיי יָאר אִיז גֶעגַאנְגֶען פָארְשְׁטְן וֶוער עֶס הָאט בַּאשַׁאפְן די וועלְט, און פַארְוָואס הָאט עֶר דָאס בַּאשַׁאפְן, פַארְוֶועם? בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ פַאר אִים בַּאוויזְן און אִים גֶעלָאזְט ווִיסְן אַז עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן די וֶועלְט אַלֶעס כְּדֵי אַז עֶס זָאל זַיין אִידְן וָואס זָאלְן אִים דִינֶען. אַבְרָהָם אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, רֹאשׁ לַמַּאֲמִינִים. דֶער בַּאשֶׁעפֶער רוּפְט אִים: "אַבְרָהָם אוֹהֲבִי - מַיין לִיבֶּער אַבְרָהָם". מֶען דַארְף אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין, צוּלִיבּ וָואס פַארְצֵיילְט

אוּנְז די תּוֹרָה די אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת, וועגְן וֶועלְכֶע מַטָּרָה, סְתַּם צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת חַס וְחָלִילָה?

עֶס אִיז דָא אַ לָשׁוֹן אִין תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, "אֵין דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ כְּאַבְרָהָם, אֵין דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ כְּיִצְחָק, וְאֵין דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ כְּיַעֲקֹב", אִין יעדן דוֹר זֶענֶען פַארְהַאן יְחִידִים אַזוֹי ווי אַבְרָהָם, יִצְחָק און יַעֲקֹב! ווי קֶען דָאס זַיין? אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט זִיךְ דָאךְ גֶעלָאזְט אַרַיינְוַוארְפְן אִין פַייעֶר, נִמְרוֹד הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוֹיב די דִינְסְט נִישְׁט עֲבוֹדָה זָרָה, וֶועל אִיךְ דִיר אַרַיינְוַוארְפְן אִין פְלַאקֶערְדִיגְן קַאלֶעך אוֹיוְון" אַזַא מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט נִישְׁט מוֹרָא, עֶר גֵייט אַרַיין אִין פַייעֶר, אַזַא כֹּחַ!



לָאמִיר זֶען וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְגַלֶּה, אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַזַא בְּחִינָה פוּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ. דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין שִׂיחַת הָרַ"ן (שִׂיחָה י"ב) אוֹיפְן פָּסוּק, "כִּי עָלֶיךָ הֹרַגְנוּ כָל הַיּוֹם נֶחְשַׁבְנוּ כְּצֹאן טִבְחָה (תְּהִלִּים מד, כג)" פַאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער לָאז אִיךְ זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג הַרְגְ'נֶען, אַזוֹי ווי שֶׁעפֶּעלֶעך. בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי אַ תִּקּוּנֵי זֹהַר, אַז דָאס גֵייט אַרוּף אוֹיף תְּפִלָּה, ווי בַּאוואוּסְט אַז תְּפִלָּה אִיז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַנְשְׁטָאט אַ קָרְבָּן. מִיר אִידְן ווִילְן בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן -

מיר ווילן דאַווענען און מען לאָזט אונז נישט, מען שטעלט זיך דאַווענען שחרית מנחה, מעריב אָדער תהלים און בעיקר די אייגענע תפלות אויף די אייגענע שפּראַך און מען לאָזט אונז נישט צוגיין, מען איז אונז מבלבל, מען שטעלט אונטער אַלע סאָרטן מניעות, עס קומט אָן זייער זייער שווער צו דאַווענען ווי עס דאַרף צו זיין.

און אַפילו אויב איינער דאַווענט שוין יאָ ווי מען דאַרף, אָבער די פּלאָג און יגיעות וואָס מען איז זיך מיגע, די אַלע כוחות וואָס מען איז זיך מוסר נפש צו דאַווענען דאָס איז אַ בחינה פון קרבן. זאָגט דער רבי אַז נישט נאָר ביים דאַווענען נאָר סיי וועלכע עבודה אָדער קדושה וואָס אַ איד, אַ יונגל וויל זיך מקדש זיין, צום ביישפּיל, נישט האָבן די מדה פון כעס אָדער אויפשטיין אַביסל פריער, אָדער פאַלגן די עלטערן, עסן מער בקדושה, אַפילו דער אינגל איז נישט זוכה דערצו חס ושלום, ער פּרובירט איינמאָל און נאָכאַמאָל און איז נישט מצליח, זאָגט דער רבי: ״די יגיעה, די מוטשעריי, די האַראָוואַניע, מיט די יסורים און בלבולים וואָס ער האָט פון דעם אַז ער וויל זיך מקדש ומטהר זיין אָבער מען לאָזט אים נישט, דאָס אַליין איז אַ בחינה פון קרבנות, ווי דער פריער דערמאָנטער פּסוק, כי עליך הרגנו כל היום״.

דערפאַר זאָגט דער רבי מיר זאָלן טון אונזערס, זיך מיגע זיין אין עבודת ה׳, מיט וואָס מען קען און טאָמער מען לאָזט אונז חס ושלום נישט אַריין איז עס אויך אַזוי ווי אַ קרבן. קומט אויס אַז יעדער איד האָט אַ נקודה פון אַברהם אָבינו, אַ נקודה פון מסירות נפש! יעדער איד!

דער אויבערשטער זאָל אונז העלפן אַז מיר אַלע זאָלן קענען גיין אין די וועגן פון אַברהם אָבינו, נישט קוקן אויף קיינעם. אַזוי ווי דער רבי ברענגט אין די תורה וואָס איז צווישן די צוויי חלקים פון לקוטי מוהר״ן ״אחד היה אברהם״. נישט קוקן אויב איינער שפּעט פון מיר, איך ווייס דער אמת אַז מען דאַרף טון דער רצון פון באַשעפער, צוליב דעם זענען מיר געקומען אויף דער וועלט, צו עוסק זיין אין תורה און תפלה און מצוות און מעשים טובים בתמימות ובפשיטות אַזוי ווי אברהם אבינו.

דורך דעם וועג פון ׳אחד היה אברהם׳ מיר זאָלן וויסן אַז אַלעס איז געוואָנדן נאָר אין אונז, מיר מאַכן פאַרן באַשעפער אַ נחת רוח דורכדעם וועלן מיר קענען שטייגן און גיין אין זיינע וועגן און צוקומען צו וואָס מען דאַרף צוקומען. עס זאָל שוין ווערן מקוים די ברכה וואָס השם יתברך האָט געבענטשט אַברהם ״ואברכה מברכיך... ונברכו בך כל משפחת האדמה.



# איין מעשה'לע

## מיטן כח פון תפלה באחדות

לכבוד די מערכת פון דעם רבינ'ס ליכט,

איך וויל דאָ מיטטיילן אַ מורא'דיגע פּאַסירונג וואָס האָט פּאַסירט פאַרגאַנגענעם וואָך ראש חודש חשון ס׳קען אַפילו זיין אַז פיל פון די ליינער פון רבינ'ס ליכט האָבן דאָס אַליין מיטגעהאַלטן.

ווי אַלע ווייסן, איז פאַריגע וואָך מאָנטאָג פּרשת נח פאַרגעקומען אַ גרויסע עצרת פאַר אַלע קינדער פון די ברסלבב׳ער תלמידי תורה׳ס צו אויסשרייען דעם וויי-געשריי פון פיל פון אונזערע לייט און בחורים וועלכע

זיצן נעבעך אין תּפיסה איינגעשפּארט פּארן זינד אַז זיי האבן זיך נישט געוואלט שטעלן אין מיליטער. וואס בעצם איז די גאנצע זאך אַ שפּיל צו פּייניגן די פרומע, ווייל זיי ווייסן דאך באמת אַז מיר וועלן נישט קומען דארט און בכלל זענען מיר אידישע קינדער נישט געמאכט געווארן צו האלטן אַ שיסער אין האנט, אבער מיט-דעם-אלעם, כאפּן זיי פרומע אינגעלייט און בחורים און מען פּייניגט זיי אויס אין תּפיסה.

אונזערע לייט זיצן שוין דארט אַ לאנגע צייט. פיל פון זיי זענען נעבעך דארט אפּגעזיצן איבער די הייליגע טעג פון חודש תּשרי. ווען מיר אלע האבן געשמאק פארברענגט ביי שמחת בית-השואבה און שמחת תּורה און געגעסן פיינע סעודות, זענען זיי געזעסן און געשמאכטעד אין דער טונקל.



אלזא, די חשובע׳ע עסקנים האבן שווער געארבעט צו צאמנעמען הונדערטער תּינוקות של בית רבן בליעה״ר און מיט דעם אביסל אויפשאקלען די פארהארטעוועטע הערצער פון די ציוני׳סטישע אינסטאנצן און ערוועקן אויבן אין הימל פאר רחמי שמים. דער כּנוס האט געהאט נאך עטליכע מטרות, קודם צו מחזק זיין די בחורים און זיי לאזן וויסן בקול-רם אַז מיר האבן נישט פארגעסן פון זיי און מיר וועלן טון אלע מעגליכקייטן זיי צו באפרייען. אויך צו מחזק זיין אונז קינדער אַז ווען מיר וועלן האלטן ביי דעם שטאפּל, זאלן מיר וויסן ווי אַזוי זיך צו האלטן שטארק און נישט פארלוירן ווערן פון די פארשאלטענע ציונים.

אויפן וועג אהיים אין מיין באס האבן מיר געהערט גאר אַ שיינע שמועס פון אריבער צוויי שעה פון דער מנהל הרב החסיד ר׳ יואל פוקס שליט״א. ר׳ יואל האט גענומען די הויכהילכער צו איבערגעבן אַ שמועס אבער עס האט נישט געארבעט - מעשה שטן... אבער ער האט זיך נישט דערשראקן נאר איבערגעגעבן אין אַ האנט הויכהילכער [ספּיקער, בוקסער] וואס מען האט געקענט הערן אינעם גאנצן באס.

אינמיטן זיין שמועס האט ער אונז דערציילט אַ מורא׳דיגע געשעעניש. בשעת דעם מעמד, איז איינער פון די בחורים געווען אין געריכט-הויז וואו מען האט אפּגעראכטן זיין געריכט. דער שופט האט אים געוואלט מכבד זיין מיט נאך צוואנציג טעג תּפיסה, אדער אויב ער וועט זיך אונטערנעמען צו ווערן אַ סאלדאט, קען ער שוין היינט באפרייט ווערן.

פארשטייט זיך אַז ער האט בכלל נישט געטראכט פון אַזא פארציע, אבער דער פּסק פון דארפן שמאכטן נאך צוואנציג טעג צווישן די תּפיסה צעלן, האט אים זייער וויי-געטון. זיין אדוואקאט - וואס די עסקנים האבן צוגעשטעלט פאר טייער געלט, האט געהאלטן

המשך אויף זייט 4

אִינְמִיטְן פַּארְהַאנְדְלֶען אוּן זִיךְ קְרִיגְן אִים צוּ רֵיינְוַואשְׁן, וֶוען אִינְמִיטְן הֶערְט זִיךְ אַרַיין פוּן פֶּענְסְטֶער אַ הוֹיכֶע גֶעשְׁרֵיי: "פְּלוֹנִי בֶּן פְּלוֹנִי, חֲזַק וֶאֱמָץ" הַאלְט דִיךְ שְׁטַארְק!"

יָא, אִיר הָאט גוּט צוּגֶעטְרָאפְן, דֶער נָאמֶען פוּן דֶעם בָּחוּר וָואס אִיז דַאן גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן צִימְבְל. מִיר קִינְדֶער אִינְדְרוֹיסְן הָאבְּן אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן דִי אַלֶע נֶעמֶען פוּן דִי אַיינְגֶעשְׁפַּארְטֶע, נִישְׁט וִויסְנְדִיג אַז מַמָּשׁ יֶעצְט דִי מִינוּט בִּשְׁעַת מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם נָאמֶען, שְׁטֵייט דֶער בָּחוּר בַּיי אַ וֶוענְדְפּוּנְקְט פוּן זַיין פְּסַק-דִין.

דֶער אַדְוָואקַאט הָאט אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעלֶעכְטֶער. אוֹיךְ דֶער רִיכְטֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט זַיינֶע לִיפְּן אִין פָּארְם מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוֹיף דֶעם לַאכֶעדִיגְן צוּפַאל.

דֶער עַסְקָן אִין זַאל וָואס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אָנְוֶועזְנְד, הָאט שְׁנֶעל אַרַיינְגֶעקְלִינְגֶען צוּ דִי מֶענְטְשְׁן אִינְדְרוֹיסְן אַז זֵיי זָאלְן וַוייטֶער פָּארְזֶעצְן צוּ אוֹיסְשְׁרַייעֶן דַוְקָא דֶעם נָאמֶען וַוייל דֶער מַצָּב אִיז קְרִיטִישׁ... צוּ זַיין בַּאדוֹיעֶר הָאט קֵיינֶער נִישְׁט אוֹיפְגֶעהוֹיבְן. מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעהֶערְט קְלִינְגֶען זַייעֶנְדִיג פַּארְטִיפְט אוֹיסְצוּשְׁרַייעֶן דִי וַויי-גֶעשְׁרֵיי.

דֶער בָּחוּר, הֶערְנְדִיג זַיין נָאמֶען אוֹיף דִי הוֹיכְהִילְכֶער אִינְדְרוֹיסְן, אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אוּן הָאט גֶעלָאזְט אַפָּאר טְרֶערְן רִינֶען. דֶער רִיכְטֶער הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט אוּן אַ פִּינְק פוּן רַחֲמָנוּת הָאט זִיךְ אִים עֶרְוֶועקְט. גְלַייךְ הָאט עֶר גֶעטוֹישְׁט דֶעם פְּסַק פוּן צְוָואנְצִיג טֶעג תְּפִיסָה צוּ אַ פוּלְקָאמֶע בַּאפְרַייאוּנְג!

דָאס אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען נָאר אֵיין נֵס פוּן דִי הִשְׁתַּדְלוּת וָואס מִיר הָאבְּן אָנְגֶעוָואנְדְן מִיט אוּנְזֶער מַעֲמַד עַל קִדּוּשׁ הַשֵּׁם. דִי אַנְדֶערֶע נִסִּים הָאפְן מִיר צוּ זֶען בְּקָרוֹב וֶוען אַלֶע אוּנְזֶערֶע לַייט וֶועלְן אִינְגַאנְצְן בַּאפְרַייט וֶוערְן פוּן זֵייעֶר עֶנְגְשַׁאפְט.

מִיר אַלֶע זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גֶעוְצְלִיכֶע גְאוּלָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.


טייערע קינדער

מיר האלטן שוין ביי די אונטערשטע מעשה

די זיבן בעטלערס

לאמיר אלע זיך מיטכאפן אויפן באן, צו ענדיגן די מעשה
מיט נאך הונדערטער קינדער ארום די וועלט און
באקומען א שיינע

דרשה געשאנק פון די בעטלערס

מיר ווינטשן אייך בעז"ה אלע צו מאכן א סיום
מחזור 4 פון סיפורי מעשיות







*אין קורצן פון פרער:*

*דעם רבי'נס היילִיג קינד, שלמה אפרים ע"ה ווערט ליידער נפטר אין גאר א יונגן עלטער פון בלויז צוויי יאר. דער רבי איז זייער צעבראכן דערפון. ער האט געליִיגט גרויס האפענונג אויף די צוקונפט פונעם קינד. א פרייטאג נאכ'ן אויפשטיין שבעה האט דער רבי געזאגט א תורה ווי ער האט צום ערשטן מאל מגלה איבער די גרויסע און פארכטיגע זאכן וואס ער טוט צו מתקן זיין נשמות, וואס צוליב דעם ליידט ער זיך אן מיט אזויפיל צרות ה"י.*

*אצינד לייענט ווייטער:*

## פארבאָרגענע סודות

דעם פאלגנדן זונטאג, פרשת ואתחנן ה' אב, האט דער רבי זיך ארויסגעלאזט אין וועג צו פארן קיין מעדוועדיווקע און טשערין. ווי זיין שטייגער פלעגט דער רבי באזוכן זיינע חסידים אינמיטן זומער. שבת נחמו פלעגט ער פראווען אין טשערין.

רבי נתן און רבי נפתלי האבן באגלייט דעם רבי'ן א חלק וועג. זיי זענען געזעסן אין וואגן אינאיינעם מט'ן רבינ'ס איידעם, רבי יוסף יוסקא און נאך צוויי אנדערע חסידים פון רבי'ן, זענען געשטאנען אויף די טרעפ פון וואגן.

אזוי פארנדיג איבער די וועגן, זענען פארבייגעפארן קאזאקן פון רוסישן ארמיי וואס האט געצויגן זייער אויפמערקזאמקייט. דער רבי האט אנגעהויבן צו רעדן וועגן רוסלאנד און וואס וועט זיין מיט זייער מלוכה.

דער רבי האט ווייטער געצויגן דעם שמועס אנטפלעקנדיג וואס עס וועט זיין ביז משיח וועט קומען און דערנאך וואס עס וועט זיין פון ווען משיח קומט ביז תחיית המתים!

דער רבי האט דאן אנטפלעקט אז משיח האט געזאלט קומען אין די נאנטע תקופה, אבער צוליב די פטירה פון דאס הייליג קינד, רבי שלמה אפרים, וועט משיח שוין נישט קומען אזוי שנעל.

(ביים ברית פון דאס קינד איז דעם רבינ'ס תלמיד, רבי יודל, געקומען מיט א נייעם מלבוש. דער רבי האט אים אויפגענומען מיט א פריילעכן פנים און אים געזאגט: "מיט דעם מלבוש וועסטו אנטקעגן גיין משיח!"

שפעטער ווען ער האט געהערט פון רבי'ן אז משיח וועט שוין נישט קומען אין דעם באשטימטע צייט, האט רבי יודל זיך געוואנדן צום רבי'ן: "אבער דער רבי האט דאך מיר געזאגט אז איך וועל אנטקעגן גיין משיח מיט דעם מלבוש?"

"דאס האב איך געזאגט, אבער יעצט זאג איך אנדערש," האט דער רבי געענטפערט מיט ווייטאג.)

רבי יוסקא איז געזעסן נעבן רבי'ן און די צוויי חסידים זענען געשטאנען אויף די טרעפ, איינער אויף יעדער זייט קוקנדיג אויפ'ן רבי'ן די גאנצע צייט.

צוויי שעה האט זיך געצויגן דעם פארכטיגן שמועס איבער ביאת המשיח!

דער רבי האט אנגעזאגט פאר רבי נתן און רבי נפתלי אז זיי זאלן פאר קיינעם נישט אנטפלעקן קיין שום זאך וואס זיי הערן דא אין דעם שמועס. "און איך בין אן ערב אז די אנדערע דא אין וואגן, וועלן נישט איבערדערציילן אווארט," האט דער רבי צוגעלייגט.

שפעטער האט רבי נתן געוואלט איבערגיין מיט רבי יוסקא א חלק פון דעם שמועס, אבער רבי יוסקא האט נישט געהאט קיין אנונג אז דער רבי האט גערעדט עפעס בכלל. די איינציגע ווערטער וואס ער האט געדענקט זענען געווען: "א בוים מיט בלעטער פון גאלד!"

די אנדערע צוויי חסידים האבן בכלל נישט געוואוסט צו זאגן אז דער רבי האט עפעס גערעדט אין וואגן אויפ'ן וועג. זיי האבן גארנישט געהערט...

ביי די ערשטע געלעגנהייט, ווען רבי נתן האט זיך ווידער געטראפן מיט'ן רבי'ן, נאכדעם וואס ער האט זיך אהיימגעקערט פון די רייזע, האט ער מיטגעטיילט מיט'ן רבי'ן אז בשעת'ן הערן אזעלכע דערהויבענע סודות דארט אין וואגן, האט ער געשפירט א געוואלדיגע שמחה!

"יא, אויך איך האב געהאט א גרויס שמחה!" האט דער רבי געענטפערט.

"טאקע, דאס אלעס איז זייער גוט און שיין, אבער ווען וועט וועט דאס שוין זיין?!" האט רבי נתן געוואלט וויסן.

"נאר דעם עצם זאך אז מען זאל האבן גערעדט דערפון, איז א געוואלדיגע דערגרייכונג!" האט דער רבי געענטפערט. "צו מגלה זיין אזעלכע סודות וואס זענען אזוי פארהוילן און נאך שמועסן דערפון אויף דער וועלט, איז א מורא'דיגע זאך!"

שפעטערע יארן האט רבי נתן מגלה געווען עטליכע נקודות פון די פארכטיגע סודות וואס זענען באקאנט געווארן איבער דעם ענין פון משיח'ס אנקום.

גוג ומגוג האט דער רבי נישט דערמאנט, דאס מיינט אז גוג ומגוג וועט נישט זיין קיין פיזישע מלחמה מיט סאלדאטן און געווער, נאר ס'וועט זיין א רוחניות'דיגע מלחמה מיט די כוחות הטומאה. "גוג" און "מגוג" וואס זיי פרעזאנטירן די כוחות פון שטן, וועלן מלחמה האלטן מיט אידישע נשמות און אנברענגען א כוואליע פון אפיקורסוס.

(דער רבי האט אסאך געווארנט איבער א כוואליע פון אפיקורסוס וואס וועט פארפלייצן די וועלט. און אפילו מענטשן מיט ריינע אמונה וועלן געפרואווט ווערן דורך די כוואליע פון כפירה. פון דעם האט רבי נתן אפגעלערנט אז גוג ומגוג וועט נישט זיין קיין פיזישער מלחמה.)

רבי נתן אליין האט פארגעסן פיל פון די זאכן וואס דער רבי האט דאן גערעדט. און די פאר נקודות וואס ער האט נאך יא געדענקט, האט ער אפגעשריבן ברמז מיט ראשי תיבות. דער כתב יד איז באוואוסט געווען אלס "מגילת נסתרים". אבער ליידער האבן די קומענדיגע דורות נישט זוכה געווען צו קענען לייגן א האנט אויף די סודות. קורץ נאך רבי נתנ'ס פטירה, איז דער כתב יד באהאלטן געווארן...

# מצוה גדולה
## להיות בשמחה תמיד

ר׳ אִיצִיקְל קְרַאקוֹבְסְקִי דֶער עִלוּי פוּן בַּאלוּט, אִיז גֶעוֶועןן פוּן דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן מְיַסֵּד גֶעוֶוען אַ קָאכֶעדִיגֶע בְּרֶסְלֶבֶ׳ע שְׁטִיבְּל אִין שְׁטָאט לָאדְזְשׁ, דֶער שְׁטִיבְּל וָואס הָאט גֶעצוֹיגְן אַלֶע פַּארְבַּייגֵייעֶר צוּ טְרִינְקֶען פוּנֶעם הֵיילִיגֶען רֶבִּינְ׳ס נַחַל, צוּ אָפְּכַאפְּן דֶעם אָטֶעם פוּן דִי רוֹישִׁיגֶע וִוינְטְן.

אֵיינְמָאל בַּיים פָּארְלֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן (תורה קכ״א) וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מְפָרֵשׁ דֶעם פָּסוּק פוּן תְּהִלִּים אָז אָמַרְתִּי הִנֵּה בָאתִי בִּמְגִלַּת סֵפֶר כָּתוּב עָלָי (תהלים מ, ח) אַז וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט אַ סֵפֶר אוּן טְרֶעפְט זִיךְ אַלֶעמָאל אִין דֶעם סֵפֶר, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר וִויל טוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם.

הָאט אֵיינֶער פוּן דִי צוּהֶערֶער גֶעפְרֶעגְט: ״וואוּ קֶען אִיךְ זִיךְ טְרֶעפְן אִינֶעם תּוֹרָה?״ ר׳ יִצְחָק טְרֶעפְט גְלַייךְ דִי תְּשׁוּבָה אִינֶעם תּוֹרָה אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: ״בִּמְגִלַּת וַוייזְט אוֹיפְן עִנְיָן פוּן שִׂמְחָה, וַוייל דִי רָאשֵׁי תֵּבוֹת דֶערְפוּן אִיז מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד!״

יָא אַז מֶען הָאט שִׂמְחָה שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן אַלֶע וֶועגְן אוּן אַלֶע עֵצוֹת פוּנֶעם רֶבִּי׳ן.

הָרַב הֶחָסִיד ר׳ נָתָן לִיבֶּערְמֶענְשׁ ז״ל דֶער זוּן פוּן ר׳ זְאֵב וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי וָואס פְלֶעגְן זִיצְן בַּיים שִׁיעוּר פוּן ר׳ יִצְחָק הָאט פַארְצֵיילְט אַז בֶּעפָאר ר׳ יִצְחָק הָאט גֶעעֶפְנְט זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן, פְלֶעגְט עֶר קוֹדֶם פְרֶעגְן דִי בַּאטֵיילִיגְטֶע אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעמַאכְט הַיינְט הִתְבּוֹדְדוּת, אוֹיבּ אִיז גֶעוֶוען דִי תְּשׁוּבָה אַז נִישְׁט הָאט עֶר זֵיי גְלַייךְ גֶעשִׁיקְט צוּ דִי הִתְבּוֹדְדוּת שְׁטִיבְּלֶעךְ וֶועלְכֶע אִיז גֶעשְׁטַאנֶען נָאנְט צוּם שְׁטִיבְּל.

אֵיינְמָאל וֶוען ר׳ זְאֵב אִיז גֶעקוּמֶען מִיט אַ חַבֶר דָארְט אִין בֵּית מִדְרָשׁ אִין לָאדְזְשׁ, דֶער חַבֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן ר׳ זְאֵב זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר ר׳ יִצְחָק אַז עֶר הַאלְט נָאךְ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת... אָבֶּער נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט הָאט דֶער חַבֶר פוּן זִיךְ אַלֵיין צוּגֶעאֵיילְט זַיין טְרִיט צוּ אֵיינֶע פוּן דִי הִתְבּוֹדְדוּת שְׁטִיבְּלֶעךְ וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען לֵיידִיג...

ר׳ יִצְחָק הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְט אַ פַייעֶר אִין דִי בָּחוּרִים צוּ שְׁפִּירְן דֶעם טַעַם פוּן עֲבוֹדַת ה׳ אוּן דֶער עִיקָר בַּיים עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת צוּ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

האסט א שליסל אין דיין האנט, צו אלע גוטע זאכן.
האסט א ביקסל אין דיין האנט, זיך היטן פון שלעכטע זאכן.

דער שליסל קען דיר עפענען, יעדן טויער אויבן.
דער ביקסל קען דיר ראטעווען, אין יעדע צייט און אופן.

יא דאס איז התבודדות, איך שריי אדער כ׳בין שטיל.
יא דו האסט דאס אלעמאל, אינדרויסן אין שטוב אין שול.

בתמימות מאך התבודדות, אפילו ביסט שוואך ווי א פליג.
יעדן נאכט און יעדן טאג, האב שכל און זיי קלוג.

אלע וויטאמינים גוטע, מיט די בעסטע רפואות.
אלע זאכן וואס דו גלוסט, מיט אלע ישועות.

אלעס אין די עצה ליגט דאך, ווי ליכטיג איז דער דימאנט.
אין יעדן פלאץ אין יעדן לאך, האסטו דאס גלייך אין האנט.

יעדער איד און יעדער קינד, וואו ער גייט און וואו ער קומט.
וואו מען זינקט און וואו מען שווימט, אויך אין אלע זינד.

גייט מיט דיר די עצה מיט, אפילו דו ביסט פארברענט אפגעבריהט.
אן א פארוועך אן א פארוואס, מאך התבודדות.

ס׳קען זיין קאלט ס׳קען זיין טרוקן, צובראכן אדער פריילעך.
דאס וועט די שלעכט׳ס צופליקן, דערלעבן דיינע ביינדלעך.

אלע גוטסקייט אלע קרעפטן, פארן גוף מיט דיין נשמה.
דער בעסטער געשעפט פון אלע געשעפטן, אויך די בעסטע נחמה.

(נכתב ע״י הרה״ח ר׳ פסח שפירא ז״ל עם קצת שינויים)



## א שטיקל פון ליקוטי תפלות (קמ"ט) אויף די וואכעדיגע פרשה

# „אחד היה אברהם”

**בַּאשֶׁעפֶער מַיין גָאט**, הֶעלְף מִיר און שְׁטַארְק מִיר אִין דַיין דִינְסְט מִיט אֱמֶת, הֶעלְף אִיךְ זָאל זִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּ דַיינֶע עֶרְלִיכֶע און תְּמִימוּת׳דִיגֶע לַייט וֶועלְכֶע גֵייעֶן אִין דַיינֶע וֶועגְן מִיט אַן אֱמֶת, קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִין דֶער וֶועלְט זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין כֹּחַ מִיךְ אָפְּצוּהַאלְטְן פוּנֶעם אֱמֶת׳ן וֶועג אוֹיף קַיין שׁוּם אוֹפָן זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

שְׁטַארְק מַיין דַעַת מִיט דַיין אֱמוּנָה עֶס זָאל זִיךְ אוֹיסְזֶען אִין מַיינֶע אוֹיגְן וִוי אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין אִין דֶער וֶועלְט אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט ״אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם״, אֵיינֶער אַלֵיין אִיז אַבְרָהָם גֶעוֶוען ! אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּהֶערְן און נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם מְנִיעָה אָדֶער לֵיצָנוּת, צֶעמִישֶׁענִישְׁן וָואס גֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט, קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אָדֶער חַבֶר אֲפִילוּ עֶר אִיז גְרֶעסֶער אָדֶער עֶרְלִיכֶער פוּן מִיר זָאל מִיר נִישְׁט צֶעמִישְׁן פוּנֶעם גְלֵייכְן אֱמֶת׳ן וֶועג.

אִיךְ זָאל זִיךְ נָאר פִירְן אוֹיפְן אֱמֶת׳ן וֶועג וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט פוּן יוּנְגְוַוייז אָן פוּן אוּנְזֶערֶע אֱמֶת׳ע עֶרְלִיכֶע רֶבִּי׳ס.

# א קעניג אין קלעם

המשך פון זייט 12

גֶעוָוארְן דֶער אַדְרֶעס פַאר שְׁאֵלוֹת. אִיבֶּער אַלֶעם הָאבְּן דִי חֲבֵרִים הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי גָאלְדֶענֶע שׁוּרוֹת אִין זַיינֶע סִכּוּמִים, וואוּ אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען קְלָאר און מְסוּדָר: אַ קַשְׁיָא מִיט אַ תִּירוּץ, אַ שְׁאֵלָה מִיט אַ תְּשׁוּבָה.

און דֶעמָאלְט אִיז עֶס גֶעשֶׁען. אַ קְלוּגֶע און כִּיטְרֶע אִינְגְל, אוֹיפְגֶעגֶעסְן פוּן קִנְאָה, הָאט גֶעפוּנֶען אַ טָעוּת אִין אֵיינֶע פוּן דִי שׁוּרוֹת אִין זַיין הֶעפְט. עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ שִׁמְעוֹן נָתָן מִיט אַ טַעֲנָה: "דָאס אִיז אַ גְרַייז! דוּ בִּיסְט אִינְגַאנְצְן נִישְׁט מְדַיֵּיק!" דָאס אִינְגְל הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט און אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ שְׁלֶעכְט נָאמֶען אוֹיף אִים, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין אַרַיינְוַוארְפְן זַיין נָאמֶען צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶערְ׳ס שְׁמוּעֶסֶערַייעֶן און זֵיי גֶעוָוארְנְט: " שִׁמְעוֹן נָתָן? עֶר אִיז נִישְׁט אַזַא תַּלְמִיד חָכָם וִוי מֶען מֵיינְט!"

שִׁמְעוֹן נָתָן׳ס הַארְץ אִיז צֶעשָׁאסְן און צֶעפִּיצְלְט גֶעוָוארְן אוֹיף טוֹיזְנְטֶער שְׁטִיקֶער. אִין אֵיין רֶגַע אִיז אַלֶעס פַארְלָאשְׁן און פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן. נִישְׁטָא קֵיין חֵשֶׁק - אִיז נִישְׁטָא קֵיין הַצְלָחָה. נִישְׁטָא קֵיין שִׂמְחָה - אִיז נִישְׁטָא קֵיין לֶערְנֶען.

אִין אַ וֵוייטָאגְלִיכְן שְׁמוּעֶס הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין טַאטֶע. און זַיין טַאטֶע הָאט אִים פָּשׁוּט גֶעעֶפֶנְט דִי מַעֲשֶׂה און אִים אַנְטְפְּלֶעקְט דֶעם סוֹד: "אַזוֹי גֵייט עֶס. יֶעדֶער אֵיינֶער פַאלְט צוּמָאל אַרָאפּ פוּן זַיין בֶּענְקְל. וֶוער עֶס וֵוייסְט וִויאַזוֹי צוּ בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ אִין שְׁוֶוערֶע צַייטְן און דוּרְכְּפֶעלֶער, און זִיךְ מְחַזֵק זַיין אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט וִוי גֶעוואוּנְטְשְׁן, דֶער אִיז רָאוּי אַז דִי מְלוּכָה זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים גָאר בְּקָרוֹב. שְׁטַארְק זִיךְ אִין דַיין מַצָּב, שִׁמְעוֹן נָתָן! אַזוֹי וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין און שְׁטַייגְן הֶעכֶער און הֶעכֶער."

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת




אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן: "וִויאַזוֹי מְ'אִיז אַמָאל פְרֵיילֶעךְ גֶעוֶוען".

מַעֲשֶׂה: אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'מֶלֶךְ', דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעהַאט אַ 'בֶּן־יָחִיד' – הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעוָואלְט אָפְּגֶעבְּן דִי מְלוּכָה זַיין זוּהְן בְּחַיָיו (דְהַיְינוּ: פַאר [בַּיי] זַיין לֶעבְּן).

הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן בַּאל – אוּן וֶוען דֶער 'מֶלֶךְ' מַאכְט אַ בַּאל, אִיז בְּוַודְאַי זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ – בִּפְרַט הַיינְט, וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעגֶעבְּן דִי מְלוּכָה זַיין זוּהְן בַּיים לֶעבְּן, אִיז אַוַודְאַי גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

אוּן סְ'אִיז דָארְט גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם בַּאל, אַלֶע 'שָׂרֵי־מְלוּכָה', אוּן אַלֶע 'דוּכְּסִים', אוּן אַלֶע 'שְׂרָרוֹת' – אוּן מְ'אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם בַּאל.

אוּן דִי מְדִינָה הָאט אוֹיךְ הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם, וָואס דֶער 'מֶלֶךְ' גִיבְּט אָפּ דִי מְלוּכָה [פַאר] זַיין זוּהְן בַּיים לֶעבְּן, וָוארְן סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶער כָּבוֹד דֶעם 'מֶלֶךְ'.

אוּן סְ'אִיז דָארְט זֵייעֶר אַ שִׂמְחָה גֶעוֶוען, אוּן סְ'אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַלֶע עֶרְלֵיי זַאכְן פוּן שִׂמְחָה, 'קַאפֶּעלְיֶיעס', אוּן 'קָאמֶעדְיֶיעס', אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן – אוּן אַלְדִינְג וָואס סְ'נוּצְט נָאר צוּ שִׂמְחָה, אִיז אַלְץ דָארְט גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם בַּאל.

אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוָוארְן – הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם זוּהְן:

"בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] אִיךְ בִּין אַ שְׁטֶערְנְזֶעהֶער – זֶעה אִיךְ, אַז דוּ וֶועסְט אַמָאל אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה.

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער] זָאלְסְטוּ זֶעהְן, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין עַצְבוּת (דְהַיְינוּ: קַיין טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט) אַז [וֶוען] דוּ וֶועסְט אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, נָאר דוּ זָאלְסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין – אוּן אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ פְרֵיילֶעךְ זַיין.

אֲפִילוּ אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן עַצְבוּת, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ פְרֵיילֶעךְ זַיין, וָואס דוּ בִּיזְט קַיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט – וָוארְן דוּ קֶערְסְט זִיךְ קַיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט צוּ זַיין, וָוארְן דוּ בִּיזְט זִיךְ נִישְׁט פְרֵיילֶעךְ.

(כְּלוֹמַר: אַז דוּ בִּיזְט אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ, וָואס דוּ קֶענְסְט דִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן אַז דוּ זָאלְסְט תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] פְרֵיילֶעךְ זַיין, אֲפִילוּ אַז [וֶוען] דוּ גֵייסְט אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, קֶערְסְטוּ נִישְׁט זַיין קַיין 'מֶלֶךְ'). לוּשְׂמִיר [אָבֶּער] אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין, וֶועל אִיךְ מְשׁוּנֶה פְרֵיילֶעךְ זַיין".

הָאט דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' אָפְּגֶענוּמֶען דִי מְלוּכָה זֵייעֶר שַׁארְף, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט שָׂרֵי מְלוּכָה, אוּן הָאט גֶעהַאט דוּכְּסִים, אוּן שָׂרִים, אוּן חַיִל.

אוּן דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' אִיז גֶעוֶוען אַ 'חָכָם', אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט 'חָכְמָה' – אוּן סְ'אִיז בַּיי אִים גֶעוֶוען 'גְרוֹיסֶע חֲכָמִים'.

אוּן װער ס'אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען מִיט עֶפֶּעס אַ 'חָכְמָה', אִיז עֶר בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶוען.

אוּן עֶר פְלֶעגְט זַיי גֶעבְּן גְרוֹיס 'כָּבוֹד' אוּן 'עֲשִירוּת' פַאר דֶער 'חָכְמָה' – וָואס אִיטְלֶעכֶער הָאט גֶעוָואלְט, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן – אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט 'גֶעלְט', הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן 'גֶעלְט' – אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט 'כָּבוֹד', הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן 'כָּבוֹד' – אַלְץ פַאר דֶער 'חָכְמָה'.

אוּן מַחֲמַת [ווייל] ס'אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶוען 'חָכְמָה', הָאבְּן זַיי זִיךְ אַלֶע גֶענוּמֶען צוּ 'חָכְמָה' – אוּן דִי גַאנְצֶע מְדִינָה הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין 'חָכְמוֹת', וָוארְן דֶער הָאט גֶעוָואלְט 'גֶעלְט', כְּדֵי עֶר זָאל נֶעמֶען 'גֶעלְט' דֶערְפַאר, אוּן דֶער הָאט גֶעוָואלְט 'חֲשִׁיבוּת' אוּן 'כָּבוֹד'.

אוּן מַחֲמַת [ווייל] זַיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גֶעוֶוען נָאר אִין 'חָכְמוֹת', אִיבֶּערְדֶעם הָאבְּן זַיי דָארְט אִין דֶער מְדִינָה פַארְגֶעסְן 'תַּכְסִיסֵי־מִלְחָמָה' (כְּלוֹמַר: וִויאַזוֹי אַ מִלְחָמָה צוּ פִירְן), וָוארְן זַיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גֶעוֶוען נָאר אִין 'חָכְמוֹת' – בִּיז דֶער קְלֶענְסְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה, אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אִין אַ אַנְדֶערֶע מְדִינָה.

אוּן דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה, זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר ווילְד־גְרוֹיסֶע חֲכָמִים.

וּמַחֲמַת [און צוליב] דִי 'חָכְמוֹת', זֶענֶען דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה, אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין 'אַפִּיקוֹרְסוּת' אַרַיין – אוּן הָאבְּן דֶעם 'בֶּן־מֶלֶךְ', אוֹיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין 'אַפִּיקוֹרְסוּת' אַרַיין.

לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] דֶעם פְּרָאסְטְן עוֹלָם, הָאט דָאס נִישְׁט גֶעשַׁאדְט, זַיי זֶענֶען נִישְׁט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם 'אַפִּיקוֹרְסוּת' אַרַיין – וָוארְן ס'גֶעוֶוען אַ גְרוֹיס טִיפְקַייט אִין זֵייעֶר 'חָכְמָה' פוּן דִי 'חֲכָמִים', הָאט דֶער פְּרָאסְטֶער עוֹלָם נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אִין זֵייעֶרֶע 'חָכְמוֹת', אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶס זַיי נִישְׁט גֶעשַׁאדְט – נָאר דִי 'חֲכָמִים' אוּן דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ', זֶענֶען 'אַפִּיקוֹרְסִים' גֶעוָוארְן.

אוּן דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ', מַחֲמַת [ווייל] ס'אִיז אִין אִים גֶעוֶוען טוֹב, וָוארְן עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מִיט טוֹב, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גוּטֶע מִדּוֹת – פְלֶעגְט עֶר זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען אַלֶעמָאל:

"וואוּ בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט, וָואס טוּה אִיךְ?" – אוּן פְלֶעגְט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסְן קְרֶעכְץ טָאן, אוּן פְלֶעגְט זֵייעֶר זִיפְצְן דֶערוֹיף.

עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דֶערְמַאנֶען: "וָואס טַייטְשׁ אִיךְ זָאל פַארְגֵיין אִין אַזוֹינֶע זַאכְן, וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, וואוּ בִּין אִיךְ אִין דֶער וועלְט"? – אוּן פְלֶעגְט זֵייעֶר זִיפְצְן. לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] תֵּיכֶף וִויבַּאלְד עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ נוּצְן מִיט זַיין שֵׂכֶל, אִיז ווידֶער בַּיי אִים שְׁטַארְק גֶעוָוארְן דִי חָכְמוֹת פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען כַּמָּה פְּעָמִים – וָואס עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַלְץ צוּ דֶערְמַאנֶען: "וואוּ אִיז עֶר אִין דֶער וֶועלְט, וָואס טוּט עֶר" וְכוּ' כַּנַּ"ל – אוּן פְלֶעגְט קְרֶעכְצְן אוּן זִיפְצְן.

נָאר תֵּיכֶף ווִי עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ נוּצְן מִיט דֶעם שֵׂכֶל, אִיז בַּיי אִים ווידֶער שְׁטַארְק גֶעוָוארְן דָאס אַפִּיקוֹרְסוּת כַּנַּ"ל.

נאמ: ________

# לאמיר זיך פארהערן



## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (1)

**א.** שאלת זכות: אין וועלכע חודש האט דער רבי אנגעהויבן דערציילן די מעשה? (עיין ימי מוהרנ"ת אות מ"ב)
- ☐ אלול ☐
- ☐ אדר ☐
- ☐ סיון ☐

**ב.** פארוואס האט דער קעניג געמאכט א סעודה?
- ☐ ווייל ער האט געזיגט א מלחמה
- ☐ ווייל ער האט איבערגעגעבן די מלוכה פאר זיין זוהן
- ☐ לכבוד זיי געבורט'ס טאג

**ג.** וועלכע זאכן פון שמחה איז דארט געווען?
- ☐ קאפעלייעס
- ☐ קאמעדייעס
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד.** וואס זאגט ער פאר זיין זוהן צו טוהן ווען ער וועט ארא פון דער מלוכה?
- ☐ אנטלויפן פון די מדינה
- ☐ ער זאל נישט לאזן א צווייטן זיין א מלך
- ☐ ער זאל זיין פרייליך

**ה.** וואס האט דער בן המלך זייער ליב געהאט?
- ☐ צו שיכור'ן
- ☐ אסאך כבוד
- ☐ חכמה

**ו.** וואס האט דער קעניג געגעבן פאר א חכמה?
- ☐ געלט
- ☐ כבוד
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז.** וואס האט מען פארגעסן אין די מדינה?
- ☐ זייער לערנען
- ☐ תכסיסי מלחמה
- ☐ זייער חכמה

**ח.** וואס האט פאסירט צום בן המלך און צו די גרויסע חכמים?
- ☐ זיי זענען אריינגעפאלן אין אפיקורסות
- ☐ זיי זענען שוואך געווארן
- ☐ זיי האבן זיך געשטארקט אין עבודת השם

**ט.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק



## טיפער געטראכט

**ביי וועלכע מעשה דערציילט אויך דער רבי ווען א מלך וואס האט געהאט א בן יחיד און האט אים אפ געגעבן די מלוכה?**

**ביי וועלכע מעשה שטייט אויך "ווי בין איך אין דער וועלט"?**

## תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (18)

**וויפל מאל ווערט דערמאנט "תורה" אין די מעשה פון דער בעל תפילה?** 4 מאל

אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיקוּמֶען צוּ אֵיין שׁוֹמֵר. אוּן הָאט אָנְגֶיהוֹיבִּין מִיט אִים צוּ שְׁמוּסִין פוּן דֶעם תַּכְלִית. בַּאֲשֶׁר אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר גָאטְס דִינְסְט. **תּוֹרָה** אוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין... נָאר דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז אַז מֶען זָאל נָאר עוֹסֵק זַיין אִין **תּוֹרָה** אוּן תְּפִלָּה

הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מִיט זֵיי **גִילֶערִינְט**. אוּן הָאט זֵיי גִיעֶפִינְט דִי אוֹיגִין

אוּן זֵיי הָאבִּין אַלֶע עוֹסֵק גִיוֶוען נָאר אִין **תּוֹרָה** אוּן תְּפִלָּה אוּן תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים

**צו ענטפערן די בחינות, רופט**

**02-5-3333-72**

# א קעניג אין קלעם

מִיט בְּלִיצִיגֶע אוֹיגְן, אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, אַ פְרֵיילִיךְ הַארְץ און אַ רִירְנְדֶע שְׁטִימֶע. נָאךְ לַאנְגֶע חֳדָשִׁים, דֶערְנֶענְטֶערְן מִיר זִיךְ עֶנְדְלִיךְ צוּ לֶערְנֶען דִי דְרַייצְנְטֶע מַעֲשֶׂה פוּן סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת - דִי לֶעצְטֶע מַעֲשֶׂה פוּן דִי "זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס". ווִי סְ'אִיז בַּאקַאנְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "ווֶען אִיךְ ווָאלְט גָארְנִישְׁט גֶעווָאוּסְט, בְּלוֹיז דִי דָאזִיגֶע מַעֲשֶׂה, ווָאלְט עֶס שׁוֹין גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ!"

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט פוּן אַ מֶלֶךְ ווָאס הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי מְלוּכָה פַאר זַיין אֵיינְצִיגְסְטְן זוּן נָאךְ בַּיי זַיין לֶעבְּן, און עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה לְכָבוֹד דֶעם זוּן. אִינְמִיטְן, ווֶען דִי שָׂרִים און אַלֶע גֶעסְט זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, הָאט דֶער מֶלֶךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט און גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן:

"אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין אַ שְׁטֶערְן-זֶעהֶער, און אִיךְ זֶע פָאראוֹיס אַז דוּ ווֶעסְט אַרָאפְּגֵיין פוּן דִי מְלוּכָה, זֶע אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין עַצְבוּת דֶעמָאלְט ווֶען דוּ ווֶעסְט פַארְלִירְן דַיין קֶענִיגְרַייךְ; נָאר דוּ זָאלְסְט פְרֵיילִיךְ זַיין!"

זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי, זֶענֶען דִי קִינְדֶער אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פְרִי אִיבֶּערְרַאשְׁט און פְרֵיילִיךְ. ווָאס אִיז הַיינְט אַנְדֶערְשׁ פוּן יֶעדְן טָאג, אַז עֶס שַׁיינְט אַזַא גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוֹיף זֵייעֶרֶע פְּנִימֶ'ער?

הַיינְט גֵייעֶן זֵיי אַרוֹיף אַ כִּתָּה! זֵיי ווַאקְסְן אוּנְטֶער! - פוּן כִּתָּה ז' צוּ כִּתָּה ח'. דָאס יָאר ווֶעלְן זֵיי הָאבְּן אַלְס מְלַמֵּד רֶבִּי הִלֵּל, ווָאס אִיז בַּאקַאנְט מִיט זַיין אוֹיסֶערְגֶעווֶענְלִיכְן טַאלַאנְט צוּ בַּאצוֹיבֶּערְן דִי קִינְדֶער מִיט דִי סוּגְיוֹת הַגְּמָרָא.

צְווִישְׁן אַלֶע קִינְדֶער אִיז שִׁמְעוֹן נָתָן גֶעוֶוען בַּאזוּנְדֶער אִיבֶּערְרַאשְׁט. אִין זַיין הַאנְט הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אַ הֶעפְט פַאר חִידוּשֵׁי תּוֹרָה כְּדֵי אוֹיפְצוּשְׁרַייבְּן דִי סִכּוּמִים פוּן דִי סוּגְיָא. אַ נַייעֶ בְּלוֹיעֶ פֶּענֶע אִיז גֶעוֶוען אִין זַיין טַאשׁ, בְּלַייעֶן און מֶעקֶערְס אִין זַיין לֶעדְל, און אִיבֶּער אַלֶעם: אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן זִיךְ צוּ אַיינְהֶערְן צוּ רֶבִּי הִלֵּל'ס שִׁיעוּרִים. "דָאס יָאר ווֶעט נִישְׁט זַיין ווִי פַאר אַ יָאר," הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין מַאמֶע. "אִיךְ ווֶעל מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף פְּרוּבִּירְן אוֹיסְהֶערְן יֶעדֶעס ווָארְט און גוּט פַארְשְׁטֵיין. אוֹיבּ נִישְׁט, ווֶעל אִיךְ גְלַייךְ פְרֶעגְן רֶבִּי הִלֵּל..."



אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען. עֶס זֶענֶען אַרִיבֶּער אַ ווָאךְ, און צְווֵיי ווָאכְן. שִׁמְעוֹן נָתָן'ס צֵייכֶענֶעס זֶענֶען גֶעוֶוען וואוּנְדֶערְבַּאר. עֶר הָאט גֶעהַאט פִּיל הַצְלָחָה און סִיפּוּק. עֶר אִיז גֶעשְׁטִיגְן אוֹיפְ'ן לֵייטֶער פוּן הַצְלָחָה אִין גְּמָרָא און עֶר הָאט זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען דֶערְמִיט. זַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן גֶעזוּכְט צוּ זַיין זַיין חַבְרוּתָא, און גֶעבּוֹיט מִיט אִים פַיינֶע קְשָׁרִים. צוּלִיבּ זַיין גְרוֹיס הַצְלָחָה, זֶענֶען חֲבֵרִים גֶעקוּמֶען כַאפְּן אַ פִינְק פוּן זַיין בְּרֶענֶענְדִיגְן הִתְלַהֲבוּת. שִׁמְעוֹן נָתָן אִיז

המשך אויף זייט 9

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אברהם בעק הי"ו
לרגל נישואי בתו למזל טוב